# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **במדבר - נשא** תשפ״ג ◆ עלון מס׳: **114**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### דער בעל בטחון האט אלעס אויף זיין פלאץ

דער לעבן פון א איד וואס לעבט מיט בטחון איז פול מיט מעלות. אויסער וואס ער לעבט מיט א שלות הנפש און א זעלטענע ישוב הדעת און מנוחת הנפש לעבט ער אויך פארזיכערט, אויף זיין פלאץ, אן וואס ער זאל דארפן אויסוואנדערן צו אנדערע שטעט אדער געפארפולע ערטער וואו זיין לעבן קען דארט אריינגיין אין א סכנה.

אנשטאט דעם פארלאזט ער זיך אויפן בורא כל העולמים אז ער וועט אים צושטעלן אלע זיינע באדערפענישן אויף זיין פלאץ, וואו ער געפינט זיך, אן וואס ער זאל זיך דארפן איינשטעלן זיין לעבן פאר זיין פרנסה.

אין די פתיחה פון דער שער הבטחון ברענגט דער רבי אראפ די מעשה פון א פרוש וואס האט גענומען דער וואַנדער־שטעקן אין זיין האנט און איז ארויס פון זיין שטאט צו טרעפן פרנסה אין א צווייטן שטאט. זייענדיג אונטערוועגנס האט דער פרוש באגעגנט א גוי, אן עובד עבודה זרה, וועמען דער רבי רופט אן מיטן נאמען דער 'אַמְגוּשִׁי'.

דערציילט דער רבי אז דער פרוש האט א זאג געגעבן פארן אמגושי אז די לעבן וואס ענק לעבן איז א פינסטערע לעבן, ענק זענען ווי בלינדע, איר גלייבט אין די זון, אין שטערנס, זיי זענען דאך אלע שלוחים פון הקב״ה און וויאזוי דינט מען צום שליח, ווען ער איז בסך הכל א שליח.

דער אמגושי איז אים נישט שולדיג געבליבן. ער האט געצימבלט דעם פרוש און געוואלט וויסן אין וועמען ער גלייבט. ווען ער האט געהערט אז ער דינט דעם בורא כל העולמים האט ער אים צוריקגעפרעגט אז אויב דער באשעפער איז א כל יכול קען ער דיר אויך שפייזן וואו דו וואוינסט און דו דארפסט נישט אוועקגיין צו אנדערע שטעט און טרעפן דארט שפייז פאר דיר.

דער פרוש האט אים געגעבן גערעכט און אויפן ארט האט ער זיך אויסגעדרייט און איז צוריקגעגאנגען צו זיין שטאט.

ביז דא גייט די מעשה. אויבנאויף זעט עס אויס ווי דער פרוש האט געהאט א טעות און נאכדעם וואס דער אמגושי האט אים אויפגעקלערט איבער זיין טעות האט ער אים געגעבן גערעכט און מקבל געווען זיין טענה און איז זיך צוריק אהיימגעגאנגען צו זיין שטוב, אבער אז מען לערנט עס אפ אזוי פשוט ווערט שווער אסאך שאלות.

איינע פון די שאלות שמועסט אויס רבי יעקב עמדין זי״ע. ער פרעגט פארוואס האט דער פרוש נישט געענטפערט פארן אמגושי אז דער גיין צו א פרעמדע מדינה איז נישט קיין חסרון אין אמונה, מען טרעפט דאך אז די אבות הק׳ זענען אראפ קיין חוצה־לארץ וועגן פרנסה און בכלל, דער אריה״ק האט דאך מגלה געווען אז דער ארומוואנדערן פאר פרנסה אין ווייטע פלעצער איז אן ענין פון תיקון נשמות, אז אין יעדע ארט האט דאך א איד וואס מתקן צו זיין, ער וואלט אים געקענט זאגן אז מען דארף טון השתדלות.

נאר, געבט ער צו פארשטיין אז לעולם האט דער פרוש אים געהאט וואס צו ענטפערן אבער זעענדיג אז ער וועט דא דארפן רעדן מיט די אמגושי א לאנגער שמועס און ווערן זיין חבר, און נישט וועלנדיג האבן שלעכטע חברים האט ער זיך אויסגעדרייט פון די וועג און איז צוריק אהיימגעגאנגען און פארדינט אין איינוועגס אז ער האט נישט געדארפט גיין גלות, נאר הקב״ה האט אים מזמין געווען פרנסה ביי אים אין שטוב.

דער פאניוויטשער ראש ישיבה זצ״ל האט מדייק געווען אן אינטערעסאנטער דיוק אין די ווערטער פון דעם חובת הלבבות. דער חובת הלבבות הייבט אן די מעשה דערציילנדיג אז דער איד איז געווען א פרוש און ער ענדיגט עס צו אז נאך די מעשה האט ער מקבל געווען אויף זיך די פרישות.

לכאורה שטימט עס נישט. איז ער שוין געווען א פרוש פון פריער, אדער נישט? נאר דאס איז א מוסר השכל פאר יעדן מענטש. איידער דער פרוש האט באקומען זיין מוסר שמועס האט ער זיך געהאלטן פאר א פרוש אבער נאכדעם וואס איינער האט אים אויפגעמערקט אז ער איז נישט אזא פרוש ווי ער שטעלט זיך אהער, האט ער זיך גענומען פונדאסניי ארבעטן אויף זיינע מידות.

מען לערנט ארויס פון דעם, אז א איד ווי גוט ער איז האט ער אלעמאל וואס צו גיין העכער און אז איינער איז אים מעורר - אפילו אז דער איינער איז אן אמגושי - זאל ער עס מקבל זיין און זיך פארבעסערן אין זיינע מעשים.

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א געפיל פון אן אידיש קינד

יעדער טאטע ווייסט אז אמאל איז גוט אויסצוהערן וואס די קינדער האבן צו זאגן.

אסאך מאל וועט דער קינד מיט זיין תמימות אויפכאפן א נקודה וואס מיר די ערוואקסענע וועלן פארזען.

דערציילט מיר א ספרד׳׳ישער איד די פאלגענדע מעשה:

״די געגנט וואו איך וואוין איז א ספרד׳׳ישע געגענט. די אידן וואס וואוינען אין איר זענען אממערסטענס ספרד׳׳ישע אידן. עס איז אויך דא אשכנז׳׳ישע אידן אבער די ספרד׳׳ישע זענען די עיקר״.

דער איד איז מדגיש אז מען לעבט זיך זייער גוט, עס איז נישט דא קיין רייבערייען, און ער שפינט ווייטער זיין געשעעניש.

ווען עס איז אויסגעפאלן די געבורטסטאג פון מיין קינד, האב איך אים געשיקט אין חדר מיט א ספעציעלער העמד לכבוד זיין גליקליכן טאג. אויך אין חדר האט זיין רבי געפראוועט מיט אים זיין יום הולדת, ער האט אנגעטון אויף זיין קאפ א קרוין.

ווען מיין קינד איז ארויס פון שטוב צופרי האב איך באמערקט אז אויך דער קינד פון מיין אשכנז׳׳ישער שכן גייט היינט אין חדר מיט ספעציעלע קליידער.

״זעט אויס אז דער אשכנז׳׳ישער האט אויך היינט געבורטס־טאג״, האב איך א זאג געגעבן פאר מיין קינד אויפן וועג צו די חדר.

״א רחמנות אויף דעם אשכנז׳׳ישן קינד״, האט ער זיך געגעבן א רוף אן.

״פארוואס״? איך האב נישט געקענט פארשטיין וואס פאלט אים איין צו זאגן אזא זאך, ווען מיר רעדן קיינמאל נישט אין שטוב איבער די סארט זאכן.

״ווייל ער איז אן אשכנזי״...

״און וואס ביסטו״? האב איך געוואלט כאפן וואו אהין ער צילט מיט זיין באמערקונג.

״איך בין א איד״.

יעצט האב איך שוין פארשטאנען וואס ער מיינט און פארוואס ער באנעבעכט דעם אשכנז׳׳ישער קינד. אין זיינע קינדערישע אויגן איז דער אשכנז׳׳ישער אינגל נישט א סארט איד, נאר עס איז דא א איד און ווער עס האט אן אנדער צונאמען איז עפעס אנדערש ווי א איד.

איך האב אים גלייך אויפגעמערקט אז ער מאכט א טעות, אבער פאר מיר אליין איז דאס געווען א געוואלדיגער לימוד.

מיר זענען אזוי צוגעוואוינט צו רעדן פון די קאטאגאריעס פון אידן אז דער איז אזוי און דער איז אזוי, אז מיר פארגעסן אז 'נאך' אלעם און 'פאר' אלעם זענען מיר אלע אידן און אלע זענען געשטאנען אויפ׳ן בארג סיני און צוזאמען בלב אחד האבן מיר מקבל געווען די תוה״ק פון הקב״ה.

אין יענע מינוטן זענען מיר אלע געשטאנען כאיש אחד ובלב אחד און אויסגעשריגן הויך אין עוד מלבדו.

קיין איינער האט דעמאלטס נישט געטראכט איבער די חילוקים צווישן דעם סארט איד און דעם סארט איד, עס איז געווען פשוט ביי יעדן איינעם אז אלע זענען איינציג אידן.

און דער לעכטיגער מעמד גייט זיך יעצט באנייען, אין דער יום טוב שבועות.

אין די טעג טרעט די השגחה פרטית ליניע אריין אין איר זעקסטן יאר! פאר זעקס יאר אין איין ציה איז זיך כלל ישראל מתאחד און זי שרייט אויס 'אין עוד מלבדו'.

מערערע מאל האבן מיר אין לויף פון די זעקס יאר געהערט פון צדיקי הדור אז די גליון און די האטליניע איז א מתנה פון הקב״ה פאר אונזער דור, אז עס איז א הכנה צו ביאת המשיח.

לאמיר זיך שטארקן אין די הרגשה און זיך גרייטן צו דעם הייליגן יום טוב, ווייל מיר אלע אינאיינעם האבן מקבל געווען די תוה״ק אין דעם טאג.

גוט שבת, **פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28

פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## פון תורה דערלייגט מען נישט

עס רעדט א יונגערמאן פון ארגעטינא. איך לערן שוין אין כולל עטליכע יאר און ביי אונז איז דער סדר אז מען טיילט אויס פאר פסח קארטלעך אז מען זאל קענען איינקויפן דערמיט פלייש אויף יום טוב. אלץ איינער וואס לערנט אין כולל, האב איך אויך באקומען אזא קארטל, אבער פאר יום טוב האב איך נישט עספיעט עס צו נוצן און ווען איך האב עס געוואלט נוצן נאך יום טוב, האב איך געזען אז עס איז געווען גוט ביז א טאג צוריק.

עס האט מיר געבאדערט אז איך וועל נישט קענען נוצן די קארטל, און איך האב אנגעקלינגען דעם פארקויפער און אים געפרעגט צי מען קען עס נאך נוצן.

"אויב דו קומסט אהער אין די נעקסטע צען מינוט וועסטו נאך קענען צאלן מיט דעם".

דער פארקויפער האט מיר געגעבן צו פארשטיין אז אט אט גייט שוין דער אויסלייזער פון די קארטלעך קומען צוגיין און אויב איך וועל נישט קומען יעצט וועל איך עס דערלייגן.

אבער איך האב שוין געדארפט גיין אין כולל. ביי אונז אין ארגעטינא איז דא כולל גלייך נאך פסח און איך האב נישט געוואלט איינקויפן די פלייש אויפן חשבון פון כולל. עס איז געווען א גרויסער נסיון אז נאך אלעם קען איך דא דערלייגן א שיינע סומע געלט, אבער איך האב זיך געשטארקט אז פון א גוטער זאך דערלייגט מען נישט.

איך בין געגאנגען אין כולל און נאכן ענדיגן כולל האב איך אריינגעקלינגען אין די געשעפט און געפרעגט צי איך קען נאך קומען.

"יא, דו קענסט נאך".

דער פארקויפער האט דערציילט אז נארמאל קומען די גבאים אפנעמען די קארטלעך גלייך אינדערפרי. זיי האבן א באשטימטע צייט ווען זיי קומען, אבער די יאר האבן זיי זיך פארשלעפט.

"פונקט יעצט האבן זיי געקלינגען אז זיי גייען קומען".

דער פארקויפער האט געמיינט אז עס איז געווען א צופאל, אבער איך בין געווען איבערגעצייגט אז דאס איז נאר געווען ווייל פון הימל האט מען מיר געוואלט ווייזן אז פון לערנען תורה דערלייגט מען נישט.

## א טובה פאר מיר אליין

עס רעדט דא א איד פון ביתר. עס איז געווען אנהייב זומער ווען איך האב נאך די פסח'דיגע שווערע הארוואניע באשלאסן מיט מיין בני בית אז מיר גייען ארויספארן קיין קערעסטיר אויף א וואך צייט און זיך אפרוען דארט.

איך האב באשטעלט די טיקעט ביי מיין טרעוול אגענט. אלעס איז שוין געווען כמעט געשלאסן, ווען פלוצלונג רופט מיר אריין די טרעוול אגענט און בעט מיר א טובה.

"געב א קוק", זאגט דער איד.

"עס איז דא א פארפאלק וואס פארט אויך מיט די זעלבע פליגער ווי דו פארסט קיין קערעסטיר. זיי האבן געהאט א גאנצער פלאן וויאזוי זיי גייען אנקומען פון די עירפארט קיין קערעסטיר אבער זייער פלאן האט זיך נישט אויסגעארבעט, דו גייסט דאך ארויסנעמען א קאר, אפשר קענסטו זיי מיטנעמען"?

## יעמוד ר' אהרן צו די תורה

מיין נאמען איז אהרן. די מעשה וואס איך גיי דא דערציילן האט פאסירט מיט עטליכע יאר צוריק, אבער אזוי ווי עס איז אן אינטערעסאנטע מעשה וויל איך עס דא מיטטיילן מיטן עולם.

עס איז געווען מיט עטליכע יאר צוריק אין די ספירה טעג ווען איך האב זיך ארויסגעלאזט צופרי פון מיר אין שטוב צו גיין דאווענען שחרית אין די לאקאלע שול וואו איך דאוון יעדן טאג, ווען איך האב געהאט א מאדנע הרגשה, איך האב געשפירט אז איך וויל היינט עולה זיין צו די תורה.

די מעשה האט פאסירט א דאנערשטאג. איך האב געטראכט ביי מיר אז דאס איז א מאדנע געפיל. איך האב נאך קיינמאל נישט געהאט אזא געפיל, אבער אז עס האט מיר אנגעכאפט א תשוקה צו א גוטער זאך האב איך באשלאסן אז איך גיי עס טון.

טראכטנדיג אזוי פון די מאדנע תשוקה, האב איך זיך בארעכנט אז אויב איך וועל גיין דאווענען אין די געווענליכע שול וואו איך דאוון יעדן טאג, וועט מען מיר דאך נישט קיין עליה, אבער אפשר אז איך וועל גיין אין א צווייטע שול, וואו איך גיי נישט אזוי אפט, וועט מיר דער מזל שפילן און מען וועט מיר געבן אן עליה. איך האב אזוי געטון און איך בין געגאנגען דאווענען אין דעם אנדערן שול, און וואונדער! ווען עס איז געקומען צו די עליה האב איך געהערט ווי מען רופט מיר אויס די צו די תורה.

איך האב זיך אויפגעשטעלט פון מיין פלאץ און צוגעגאנגען צו די תורה און געזאגט ברכו.

אזוי צוגייענדיג האב איך געהערט ווי די חברה ארום מיר שושקענען זיך. איך האב זיך געוואונדערט און נאכ'ן דאווענען, נאכ'ן אויסטון די טלית ותפילין, האב איך געפרעגט דער גבאי וואס באדייט די שושקעריי.

דערציילט מיר דער גבאי אז אין שול דאווענט א איד וואס איז אסאך מאל עולה צו די תורה. דער איד האט די זעלבע נאמען ווי דיר און אויך היינט האט ער זיך געקויפט אן עליה, אבער דו האסט עולה געווען צו די תורה.

ווען איך האב עס געהערט האב איך איבערגעבעטן דעם איד. דער איד האט מיר גלייך מוחל געווען זאגנדיג אז פונקט היינט האט ער געטראכט אז אפשר איז עס נישט שיין אז ער כאפט אלעמאל אויס די עליות, און מען האט אזוי צוגעפירט אז איך האב עולה געווען לתורה.

## פון הימל היט מען אויף 'בשר וחלב'

איך בין געגאנגען אין די לאקאלע סופערמארקעט און איינגעקויפט א גרויסער ארדער וואס וועט זיין גענוג פארן שטוב אויף א שטיק צייט.

האבנדיג מיין אייגענער קאר האב איך מיטגענומען מיין בחור'ל פון פערצן יאר, אז ער זאל מיר העלפן מיט די פאקעריי און מיטן איינקויפן.

מיר האבן געענדיגט די איינקויף טייל און מיר זענען אריבער צו די רעדזשיסטער און זיך געגרייט אויסצופאקן די פראדוקטן, ווען מיין בחור זאגט מיר אז עס האט אים אנגעכאפט א דארשט און ער האט מיר געבעטן ערלויבעניש צי ער קען זיך קויפן א פלעשל מילכיגע טשאקאלאד־מילך, א גאנגבארע געטראנק אין ארץ ישראל.

איך האב אים געגעבן ערלויבעניש און ווען עס איז אנגעקומען אונזער רייע אריבערצופירן די זאכן ביים רעדזשיסטער האבן מיר געגעבן פארן קעשיר די פלאש טשאקאלאד ער זאל עס אריבערפירן, און ווילאנג מען מאכט דער ארדער זאל מיין זון זיך קענען דערקוויקן מיט די קאלטע געטראנק און אנשעפן כוחות פארן אנלאדאנען די קאר.

היינט גייט דאך אלע פרייזן מיט א קאוד אז אויך דער קעשיר ווייסט נישט די פרייז, און געבנדיג פארן קעשיר די פלאש מילכיגע טשאקאלאד האט ער עס אנגעהויבן אריבערפירן ביי די מאשין אבער מאדנע, עס כאפט נישט אויף די


המבצע ממשיך לעוד שבוע בלבד
למה לחכות עד שכבר לא ניתן יהיה להשלים את כל מה שפספסתם
הצטרפו עכשיו וקבלו
את שני המגזינים הראשונים חינם!
להצטרפות למשפחת המנויים שהכניסו את אור האמונה והבטחון הביתה
חייגו כעת:
02-6246-845
או בקו השגחה פרטית
02-30-11-300 שלוחה 9
ניתן להצטרף גם בעמדת **נדרים פלוס** תחת השם "מגזין השגחה פרטית"

קאוד.
ער האט עס געמאכט איינמאל און נאכאמאל. ער האט פראבירט אריינצודרוקן די קאוד מיט די הענט אבער אויך אזוי האט עס נישט אויפגעכאפט די קאוד.
"מאדנע", זאגט דער קעשיר און לייגט צו אז ער טוט די פעולה צענדליגע מאל א טאג און אלעמאל כאפט עס אויף און דא, פלוצלונג אזא מאדנע זאך.
נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האבן מיר עס געלייגט אין א זייט און אנגעהויבן אריבערפירן אלע אנדערע פראדוקטן. אויב מיר האבן געהאט די מינדעסטע קלער אז עפעס איז נישט גוט מיט די מאשין האבן מיר געהאט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן אז די מאשין איז נישט די פראבלעם, עס כאפט אויף אלע קאודס, עפעס מיט דער מילך איז נישט אין ארדענונג.
נאכן ענדיגן אריבערפירן אלע פראדוקטן האבן מיר געגעבן נאך א שאנס אז מען זאל אריבערפירן די טשאקלאד מילעך אבער אויך דאסמאל האט עס נישט געארבעט.
איך האב געזאגט פאר מיין בחור אז עפעס איז דא מאדנע אבער אינמיטן געבט ער זיך א כאפ.
"איך בין דאך פליישיג".
מיין בחור'ל האט זיך דערמאנט אז ער האט פארזוכט אביסל פלייש, און ווייל עס איז נישט געווען א קביעות'דיגע סעודה האט ער פארגעסן דערפון.
מיר זענען געבליבן שטיין ערשטוינט. מיר האבן געזען אז פון הימל האט מען אונז אפגעהיטן און פארדרייט דער בארקאוד אלעס אז מיר זאלן ניצול ווערן פון עובר זיין אויף בשר וחלב.

## די תורה איז מגינא ומצלי

עס רעדט חנוך פון חצור הגלילית: נאך פסח, צום נייער זמן, האבן זיך צוויי בחורים פון בני ברק ארויסגעלאזט פון בני ברק קיין חצור, צו די גערער ישיבה אין חצור.
פון בני ברק קיין חצור איז דא דער באס נומער 984, און די צוויי בחורים האבן זיך געזעצט אין די ערשטע רייע אונטערן דרייווער.
זייענדיג געוואוינט צו לערנען דער גערער סדר פון מזומנים, אז מען חזר'ט בלעטער גמרא אויף אויסנווייניג האבן די בחורים גע'חזר'ט אויפ'ן קול די בלעטער גמרא און זענען מיט א געשמאק אריבער איין בלאט נאך די צווייטע.
"איר שטערט מיר", האט דער אראבישער דרייווער זיי געזאגט און געבעטן אז זיי זאלן אריבערגיין זיצן אין א שפעטערע זיץ.
די בחורים האבן אים געפאלגט. זיי זענען אריבער צו א ווייטערע זיץ. די באס איז ווייטער געפארן איר וועג און ווען זי איז אנגעקומען צו די געגענט פון 'קדרים' האט זי געמאכט א מיאוס'ע עקסידענט און זיך אריינגעקנאקט אין א טרעילער.
די דרייווער און די ערשטע צוויי זיצן זענען ערנסט געשעדיגט געווארן.
ווען די בחורים וואלטן דארט געבליבן זיצן, וואלט...
זיי זענען ניצול געווארן בזכות התורה!

## כל המוסיף מוסיפין לו

איינס פון די זאכן וואס איך בין זיך משתדל מהדר צו זיין אין איר איז צושטעלן אויפן טיש שיינע ליכט לכבוד שב"ק.
איך לאז זיך קאסטן פאר דעם און איך לייג אריין אין דעם גרויסע כוחות. איין וואך האב איך געטראפן נאר טייערע שמן זית און זיך געקווענקלט צי איך זאל עס קויפן צי נישט.
ענדע האב איך באשלאסן אז פאר שמן זית לוינט זיך צו צאלן אזא פרייז. איך האב געצאלט טייער ווען איך טרייסט זיך אז הקב"ה געבט צוריק אויף הוצאות שבת, און וואס איז נאך דען א הוצאה לכבוד שבת ווי ליכט אויף שבת.
איך האב זיך געלאזט קאסטן און מיט א שמחה געצינדן די ליכט אויף שבת.
עס האט נישט געדויערט לאנג פון קויפן דער שמן זית, און א איד רופט מיר אן זאגנדיג אז ער האט פאר מיר א סומע געלט.
דער איד געבט מיר קיינמאל נישט קיין געלט, עס איז מיר געווען אויפפאלנד פארוואס פונקט היינט געבט ער מיר געלט, אבער איך האב געזען אין דעם א סימן פון הימל אז מען וויל מיר ווייזן אז ווער עס געבט אויס אויף הוצאות שבת ויום טוב פארדינט נאר אויף צוריק.

איך האב נישט געהאט קיין חשק, אבער טראכטנדיג אז איך פאר דאך קיין קערעסטיר און דער צדיק פלעגט דאך טון אזויפיל טובות פאר אידן, ווי פאסט עס אז איך זאל זאגן ניין פאר א צווייטן איד? איך האב אים געזאגט אז זיי קענען קומען גערן.
די אידן זענען מיטגעפארן און מיטגעקומען. אונטערוועגנס זענען זיי געווען שטיל אבער ביים ענדע האבן מיר גערעדט. דער איד דערציילט מיר אז ער איז א דעוואלפירער און ער גרייט זיך יעצט צו ענדיגן אפאר דירות און זיי אויסרישן מיט אלעס וואס עס פעלט זיך אויס.
"און איך ארבעט מיט עירקאנדישנס. איך לייג אריין עירקאנדישנס פאר מענטשן".
דער איד רופט זיך אן צו מיר אז דאס איז פונקט וואס ער דארף יעצט. ער דארף אריינלייגן אין די געביידעס אסאך עירקאנדישנס. מיר האבן אויסגעטוישט אינפארמאציע און איך האב טאקע אויסגעפירט די ארבעט.
עס איז געווען א גרויסער אונטערנעמונג. איך האב געלייזט דערביי מער ווי 200 טויזנט שקל. איך האב איינגעזען אויף צוריקציוועגס אז פון טון א טובה פאר א איד דערלייגט מען נישט - מען פארדינט נאר.

## פינף מאל אזויפיל

פאר יארן לאנג האב איך געלעבט מיט דעם טעות אז מען מוז טון השתדלות און נאר ווער עס טוט השתדלות דער האט פרנסה און ווער נישט - נישט.
איך בין נאכגעלאפן די השתדלות מיט אלע מיינע כוחות. אין מיין באשעפטיגונג איז דא א שטארקער קאנקורענץ און אלעמאל ווען עס איז געווען א פארשלאג אויפן טיש, האב איך זיך געשטופט מיט כח פאראויס, ווייל מען דארף דאך טון השתדלות.
אבער איין טאג האט מען מיר פון הימל מזכה געווען און איך האב אנגעהויבן הערן די השגחה פרטית האטליניע. מיטאמאל האב איך זיך דערוויסט אז פרנסה איז פון הימל. איך האב קענען געלערנט דער געדאנק אז איך דארף פרנסה - נישט ארבעט.
אין די זעלבע צייט האב איך זיך אויך פארגענומען אז איך גיי אנהייבן זיין ערליך מיט מיין מעשר. איך האב זיך דורכגערעדט מיט א חשוב'ער רב און ער האט מיר גע'עצה'ט צו געבן א חומש פון מיינע הכנסות.
פון ווען איך האב זיך עס פאָרגענומען האב איך אנגעהויבן זען ענדלאזע שפע, איך האב חתונה געמאכט צוויי קינדער בהרחבה גדולה, אן וואס איך זאל דארפן אנקומען צו בארגעריי.
מיט א שטיק צייט צוריק האט פאסירט אין די קהילה וואו איך געהער, א שרעקעדיגע געשעעניש. די דירה פון א חשובער יונגערמאן האט אפגעברענט און מען האט געמאכט א מגבית פאר דעם יונגערמאן און געבעטן פון יעדן איינעם ער זאל געבן 200 שקל.
ווען מען האט מיר אריינגעקלינגען האט דער רופער בטעות פארשטאנען אז איך וויל געבן 500 שקל און ער האט מיר מחייב געווען אזויפיל. שפעטער ווען ער האט זיך געכאפט האט ער מיר געוואלט צוריקגעבן די געלט, אבער איך האב עס נישט געוואלט נעמען זאגנדיג אז געגעבן איז געגעבן.
עס האט נישט געדויערט לאנג, און איינמאל האט מיר געקלינגען און באשטעלט ביי מיר אן ארבעט אין די ווערד פון 2500 שקל.
עס איז אויסגעקומען אז איך האב פארדינט פינף מאל אזויפיל ווי איך האב געגעבן.
מן השמים האט מען צוריקגעצאלט א חומש פאר א חומש.


תגובות נלהבות למגזין החדש

אין לנו מילים להודות, כל כך מרגש לראות איך שהילדים מצפים בכיליון עיניים למגזין. היופי של המגזין הוא בתוכן האמיתי שבו, מתחילתה ועד סופה מלא בתוכן 'אמיתי' ומשובח.
שתזכו להפיץ את האמונה בכל העולם.
**משפחת חפץ, כוכב יעקב**

שנים רבות שחיכינו למגזין משובח עם תוכן איכותי, בבית שלנו מאוד נשמרים שכל התכנים הנכנסים לבית יהיו רוחניים ושמורים, כשראיתי את הבשורה ממש רקדתי משמחה, אשרינו כלל ישראל שזכינו בדור הזה למגזין כל כך משובח.
**משפחת אייזנבאך, בית שמש**

...תענוג לראות את כל המשפחה, הילדים והמבוגרים גם יחד, קוראים בשקיקה את המגזין ולא מפספסים שום מדור, כמה נעים לראות את כל בני המשפחה רוכשים ערכים טובים של אמונה ובטחון.
**משפחת שוורץ, ירושלים**

אנחנו מתפללים שתזכו להוציא את המגזין בתדירות של פעם בשבוע, המגזין שינה את כל הבית לטובה, הכניס את כל בני הבית לאווירה עילאית, כולם התחילו לדבר בשפה חדשה; שפה של אמונה, שפה של שלוה ורוגע.
**משפחת יעקובי, עמנואל**

אני הבן..., כבר מנוי, קבלתי את המגזין וקראתי בשקיקה, זה מרתק, מיוחד ומשובח.
אני רוצה לעשות הפתעה להורים, ולהעניק להם את המתנה הנפלאה הזאת.
**מ.י. חיפה**

**הירשמו היום למגזין שאלפים כבר נהנים וקבלו את 2 המגזינים הראשונים חינם**

**חייגו כעת:**
**02-6246-845**
או בקו השגחה פרטית
**02-30-11-300** שלוחה 9
ניתן להצטרף גם בעמדת **נדרים פלוס**
תחת השם " מגזין השגחה פרטית"

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

א איד האט מיר גורם געווען א געוויסע שאדן. דער איד וויל מיר פארגיטיגן פאר די שאדן און ער האט מיר פארגעשלאגן געלט פאר די שאדן. אין אנהייב האב איך נישט געוואלט נעמען. איך האב געטראכט צו מיר אז אלעס קומט דאך פון הימל און איך וויל נישט נהנה זיין פון יענעמ'ס געלט, אבער שפעטער האב איך געטראכט צו מיר אז אפשר איז עס בגדר השתדלות יא צו נעמען די געלט פון יענעם. איך וואלט זיך געפריידט צו הערן א שטיקל מהלך אויף די שאלה.

שאלה נומער 65 — מ. ד. מירושלים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים זיין 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## גיין לפנים משורת הדין

**הרב אברהם בערנהוט פון בני ברק, הרב אלעד שליט פון מודיעין עילית:** עס איז זיכער אז דער מזיק דארף דיר באצאלן דאס געלט און אז דאס געלט קומט זיך דיר מצד הדין, אבער אויב דער מזיק שפירט נישט אז ער איז דיר שולדיג איז בעסער אז מען זאל עס נישט נאכלויפן. און עס לייגט צו דערצו **הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק,** אז מען קען זען וויאזוי דער מזיק נעמט אן די זאך. מען קען אים זאגן אז מען איז אים מוחל אבער אויב ער עקשנ'ט זיך דווקא צו באצאלן זאל מען נישט מסרב זיין נאר מען זאל נעמען דאס געלט פון אים.

**הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** אויב דער מזיק איז א שוגג און די שאדן וואס ער האט געברענגט אויף דיר איז שלא בכוונה קען זיין אז עס איז נישט מגדר השתדלות צו בעטן א פארגיטיגונג. מען קען צולייגן דערצו וואס עס ווערט געברענגט אין ספר החינוך [מצוה תפ] אין די מצוה פון הענקה פאר אן עבד עברי אז עס איז געמאכט אז מיר זאלן זיך צוגעוואוינען צו האבן גוטע מידות און די זעלבע זאך איז אויך אז ווען מען איז מוותר פאר יענעם איז מען זיך קונה גוטע מידות און גוטע מידות איז זיכער מער ווערד ווי די פארגיטיגונג געלטער.

**הרב אפרים הקשר פון מודיעין עילית, הרב נפתלי קריגער פון ביתר עילית, הרב דוד ישראל פון בית שמש:** די תשובה אויף די שאלה ווענט זיך ווענדן ווי גרויס די שאדן איז און אויך ווי גרויס איז די מידת הבטחון פון דעם מענטש. אויב דער מענטש איז אזוי אויסגעארבעט אז ער איז גרייט מוותר צו זיין אויף די געלט אבער מיט אַן אמת, קען ער עס טון, אבער בתנאי אז ער זאל נישט שפעטער האבן א טינה בלב אויפן צווייטן, און ער זאל זיין גאנץ מיט זיין החלטה.

**פקודי ה' ישרים**

**הרב חיים אייכענשטיין פון ביתר עילית, הרב יצחק כהן פון חיפה, הרב שמחה אדלער פון מודיעין עילית, הרב מענדל שטראוס פון עפולה, הרב חיים שווארץ פון בני ברק, הרב אלעזר סילבער פון אשדוד, הרב שלום רוטנער פון ירושלים, הרב זאב רוזנטל פון אופקים:** צומאל פירט השי"ת אז א מענטש זאל האבן צער אָן וואס ער זאל האבן דערביי א געלט שאדן. דער מזיק איז א שליח פון הימל אנצומאכן די נזק אבער ווייל פארן מענטש איז נישט אנגעשריבן קיין געלט שאדן איז דא איינער וואס צאלט פאר די נזק.

**הרב יהודה געווירצמן פון בית שמש, הרב מיכאל הלוי פון ירושלים, הרב שלמה שמעון ראטמאן פון בית שמש, הרב חיים צבי גאלאנדויער פון בני ברק, הרב אליהו בכרך פון ירושלים, הרב דוד אבראמאוויטש פון ירושלים, הרב אברהם הלוי פון ירושלים, הרב דוד לייפער פון ירושלים:** עס איז נישט שייך צו זאגן אז ווען מען נעמט געלט פון א צווייטן איז דא דערביי א חסרון פון אמונה. ווען מען נעמט געלט וואס די תורה הק' האט געהייסן געבן פאר א צווייטן איז דא דערביי אן ענין פון קיום התורה. עס גייט נאך מער ווי דעם, אז די געלט וואס יענער געבט איז דא אין דעם אן ענין פון יענעם אז ער זאל מער אכטונג געבן און אז ער זאל זיך צוגעוואוינען אז די וועלט איז נישט הפקר און אז די מעשים האט א פרייז. עס איז מוסיף דערצו **הרב עזריאל בערגער פון בת עין** אז ער האט געהערט פון א חשוב'ער רב אז די תביעה פון א נזק דארף זיין אין די צורה פון אפבעטן א חוב, מען דארף אכטונג געבן עס זאל נישט זיין פערזענליך, עס זאל נישט ווערן באגלייט מיט קיין שנאה, נאר ווי א טעכנישער זאך וואס עס קומט זיך דיר.

## א שאלה פאר גליון 116

יעדער פון אונז ווייסט ווי חשוב עס איז צו פארציילן פאר אנדערע פערזענליכע געשיכטעס ווען מען האט מיטגעלעבט א השגחה פרטית. אזעלכע געשיכטעס שטארקט דער מענטש אין אמונה און עס איז אויך א שבח והודיה פאר הקב"ה, אבער נישט אלעמאל קען מען מיטטיילן מיט יעדן איינעם די גאנצע געשעעניש. צומאל איז די געשעעניש פארבינדן מיט פריוואטע זאכן אדער ווייל צומאל זעט עס אויס ווי דער בעל מספר גרויסט זיך מיט זיין מעשה. מיין שאלה איז: וויאזוי זאל מען זיך פירן מיט אזעלכע סארט מעשיות. צי זאל מען עס יא דערציילן, אדער זיך צוריקהאלטן פון עס דערציילן?

י,ה, ביתר עילית

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת בהעלותך. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

### די אומנות פון תפילה

דער עולם ווייסט נישט, אבער די בעסטע רפואה אין די וועלט פאר אלעס איז תפילה. דורך די כח פון תפילה קען מען היילן קראנקע, קען מען פטור ווערן אלע צרות און אויסרייסן אלע מחלות פון די וועלט.

תפילה איז גוט פאר אלעס. נישט נאר פאר מחלות. עס איז א לעזונג צו אלע ערליי פראבלעמען. נישט לאנג צוריק האט מיר א איד דערציילט א מורא'דיגע מעשה וועגן תפלה.

ער דערציילט מיר אז ער איז פון נאטור אויס א מסודר'דיגער מענטש. ער גלייכט זייער שטארק סדר און אויפגערוימטקייט. זיין ווייב, אבער, איז פונקט די פארקערטע. זי קען זיך נישט צוזאמענעמען און כתוצאה דערפון איז די שטוב אלעמאל אנגעווארפן און אנגעלייגט.

שוין מערערע יארן וואס ער טוט פעולות אז די זאך זאל זיך טוישן, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן. איין טאג איז אים איינגעפאלן א געדאנק אז ער גייט בעטן הקב"ה אז ער זאל אים העלפן מיט דעם. ער האט אנגעהויבן דאווענען דערויף און פלוצלונג איז אנשטאנען א גרויסע שינוי אין די זאך, די שטוב איז אלעמאל מסודר און אויפגערוימט.

די מעשה לערנט אונז אז תפילה איז דא אויף אלעס אויף די וועלט.

אז דו בעטסט און דו האסט א ישועה, שרייב עס אויף, שרייב אויף אז איך האב געדאוונט אויף דעם און אויף דעם זאך און איך בין געהאלפן געווארן, אז איר וועט שרייבן וועט נישט געדויערן לאנג און איר וועט קענען אנפולן א דיקע ביכל.

דער אמת איז אז תפילה איז אן אומנות. מיר האבן עס מקובל פון אונזערע עלטערן. עס איז דא אין איר א סוד און ווער עס ווייסט דער סוד פועל'ט מיט איר זייער שנעל.

עס איז דא אידן וואס זיי שעפשענען נאר א תפילה און זיי ווערן גלייך געענטפערט, ביי אנדערע גייט עס נישט אזוי גרינג. די חילוק איז ווייל מען דארף וויסן דער סוד. וואס איז דער סוד?

חז"ל זאגן אין ברכות [דף ו'] אז תפילה איז פון די זאכן וואס שטייען ברומו של עולם און מענטשן זענען מזלזל אין איר, און דאס איז דער סוד. ביי אסאך מענטשן איז די תפילה א פשוט'ע זאך, זיי זענען מזלזל אין איר.

נאר אז די תפלה וועט זיין ביי דיר חשוב, וועט עס פועל'ן אין הימל.

צי די תפילה זאל ווערן אנגענומען צי נישט, ווענדט זיך אין דיר. אויב עס איז חשוב ביי דיר, אויב דו ווייסט זיין כח, וועסטו אנקומען דערצו.

אדרבה, פראבירט עס אויס און איר וועט זען אז הקב"ה איז א שומע תפילה, אז ער הערט אויס אייער תפילה.

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די נעמער**

איך וויל דא אויסדרוקן מיין טיפער דאנק פאר אייך. די אור וואס איר שיינט אריין אין מיר איז אויסטערליש. איך ווייס אז יעדער זאגט איבער די זעלבע זאך און עס וועפט שוין, אבער אז עס איז אמת - מוז איך עס אויך נוצן: איר האט געטוישט מיין לעבן! פון ווען איך הער ענק אויס האבן זיך זאכן געטוישט. יעדער מאל ווען איך האב א שוועריגקייט לויף איך גלייך אויסהערן די האטליניע און איך שעפ זיך אן מיט חיזוק פון איר. וואויל איז ענק און חזקו ואמצו אין אייער עבודת הק'.

**מצד די געבער**

אונזער טאכטער איז שוין פיר יאר אלט. איר ענטוויקלונג איז געווען אויסטערליש שטאַט. מיר זענען שוין אויסגעווען א וועלט מיט איר אבער עס האט זיך גארנישט גערירט. עס איז געווען א פיינפולע איבערלעבעניש. צוויי חדשים צוריק האבן מיר גע'חתמ'עט אויף א סומע געלט פאר השגחה פרטית און מען האט גלייך אנטדעקט די פראבלעם און וואס האלט אפ איר ענטוויקלונג, און ברוך השם אז זאכן האבן זיך אנגעהויבן רוקן זייער שנעל. מען זעט בחוש ווי די הפצה פון אמונה איז א סגולה בדוק ומנוסה.

**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדרוקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה